STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10867

DOS GROYSE GEVINS

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעמ־אלײכעמ

דאָס גרויסע געווינס

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

אויסטײַטשונגען פֿון פֿרעמדווערטער, אַרכאַיִזמען און לאָקאַליזמען
זײַנען געגעבן אין סאָף ביכל

דאָס גרויסע געווינס

מקימי מעפר דל,
מאשפות ירים אביון:
ער שטעלט אופ פונ דער ערד דעמ אָרעמאנ
פונעמ מיסט הייבט ער אופ דעמ עוויענ
(תהלים ק״ג, ז).

אז ס'איז באשערט דאָס גרויסע געווינס, הערט איר, פאני שאָלעמ־אלייכעמ, קומט דאָס גלייִך אינ שטוב אריינ, ווי זאָגט איר: למנצח על הנגינות — אז סע נייט לויפט עס; ס'איז גאָר נישטאָ דערבייִ קיינ סייכל מיט קיינ בעריעשאפטנ. אונ טאָמער כאָלילע פאר־קערט, מעגט איר צעזעצט ווערנ רייידנדיק, וועט אייִך העלפנ, ווי דער פאראיאָריקער שניי, ווי זאָגט איר: אין חכמה ואין עצה נגד א שלעכט פערד. א מענטש האָרעוועט, ווערט אויסגעריסנ, כאָטש נעמ לייג זיך, שונאי ציון, אונ שטארב! פלוצעמ, מע וויים ניט פונ וואָס אונ פונוואנענ — עס פערדלט פונ אלע זייטנ, ווי אינ פאָסעק שטייט געשריבנ: רוח והצלה יעמוד ליהודים; פארטייטשנ באדארפ איך אייִך ניט, נאָר דער פשאט דערפונ איז אזוי, אז א ייִד, קאָלזמאנ שהנשמה בקרבי — עס שלאָגט זיך נאָך אנ אָדער, טאָר ער נישט פארלירנ דעמ ביטאָכנ. איך האָב דאָס ארויסגעזוגנ פונ זיך אליינ טאקע, וויאזוי דער אייבערשטער האָט מיט מיר געפירט מיט מייִנ איצ־טיקער פארנאָסע: וואָרעמ ווי קומ איך גאָר פארקויפנ קעז אונ פוטער אינמיטנדערינענ, אז מיינ באָבעס באָבע האָט קיינמאָל נישט געהאנדלט מיט קיינ מילכיקס? ס'איז בענעמאָנעס קעדייִ, איר זאָלט אויסהאָרכנ די גאנצע מייִסע פונ אָנהייב ביזנ סאָפ. איך וועל מיך צוזעצנ אפ א וויי־לע אָט דאָ נעבנ אייִך אפנ גראָז, לאָז זיך דאָס פערדל דערווייִל עפעס קייִענ, ווי זאָגט איר: נשמת כל חי — אויך א באשעפעניש בא גאָט.

בעקיצער, דאָס איז געווענ ארומ שוועס־צייִט, דאָס הייסט, איך זאָל אייִך ניט זאָגנ קיינ ליגנ. א וואָך אָדער צוויי פאר שוועס; אונ

עפשער, האָ? א פּאָר וואָכן נאָך שוועס. מאַרגעסט נישט, ס'איז שוין, פּאַוואָלינקע, איך זאָל אײַך זאָגן אקוראט, אזוי גרויס ווי א יאָר מיט א מיטוואָך, דאָס הייסט, פּונקט ניַין יאָר אָדער צען, און עפשער נאָך מיט א סמיטשיק. איך בין דעמלט געווען, ווי איר זעט מיך אָט-אָ, נאָר נישט דער, וואָס איצטער, דאָס הייסט, טאַקע דער אייגענער טעוויע, נאָר פאָרט נישט דער, ווי זאָגט איר: די אייגענע יענטע, נאָר אנדערש געשלייערט. דעהײַנע וואָס? איך בין געווען, נישט פאַר אײַך געדאַכט, א קאַפּצן אין זיבן פּאָלעס, כאָטש אפילו, אז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, בין איך נאָך איצט אויך גאַנץ ווײַט פון א נאָגיד. וואָס מיר פעלט צו בראָצקין — מעגן מיר זיך דאָס ביידע ווינטשן פאַרדינען דעם הײַנטיקן זומער ביז נאָך סוקעס; נאָר וועדליק אמאָל, בין איך הײַנט, הייסט דאָס, א ייִד א נאָגיד, מיט א פערד-און-וועגעלע אן אייגנס, מיט, קיין אייִנאָרע, בעהיימעלעך א פּאָר, וואָס מעלקן זיך, מיט נאָך איינע, וואָס האַלט אָט-אָט בײַ אָפּקעלבן זיך. ס'איז דאָ, נישט צו פאַרזינדיקן, קעז און פּוטער און סמעטענע פרישע אלע טאָג, אייגענע האָרעוואַניע, וואָרעם מיר אלע אַרבעטן, קיינער זיצט נישט ליידיק. מײַן ווײַב זאָל לעבן מעלקט די בעהיימעס, די קינדער טראָגן קריגלעך, שלאָגן פּוטער, און איך אליין, ווי איר זעט אָט-אָ, פאָר מיר ארויס אלע פרימאָרגן אפן מאַרק, גיי דורך אלע דאַטשעס אין בויבעריק, מע זעט זיך מיט דעם, מיט יענעם, אלע גרעסטע באַלעבאַטים פון יעהופּעץ, מע רעדט זיך דורך א ביסל מיט א מענטשן, פילט מען, אז מע איז אויך עפּעס א שטיקל מענטש אפ דער וועלט. ווי זאָגט איר, נישט קיין הינקעדיקער שנײַדער; און ווער שמועסט שאַבעס — בין איך דאָך גאָר א מיילעך, קוק אַרײַן אין א ייִדישן סייפער, א פּאַרשע כומעש, א ביסל טאַרגום, טילים, פּיירעק, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעט — איר קוקט מיך אָן, פּאַני שאָלעם-אַלייכעם, און טראַכט זיך אַוודע בעשאָס-מײַסע אין האַרצן „ע, אָט דער טעוויע איז דאָך עפּעס טאַקע גאָר א ייִד וואָס קאַטאָרי!“..

בעקיצער, וואָס-זשע האָב איך אײַך אָנגעהויבן צו דערציילן? יאָ, בין איך, הייסט דאָס, דעמלט געווען, מיט גאָטס הילף, א ביטערער אָרעמאַן, געשטאָרבן, נישט פאַר קיין ייִדן נעזאַכט, מיט ווײַב און קינדער דרײַ מאָל א טאָג פון הונגער, אבוץ וועטשערע, געהאָרעוועט האָב איך ווי אן אייזל, געשלעפּט קלעצער פונעם וואַלד צום וואָקזאַל א פולן וואָגן, עס זאָל אײַך צו קיין כאַרפּע נישט זײַן, פאַר צוויי גילדן א טאָג, און דאָס — נישט אלע טאָג, און דערמיט ניי האַלט

אוים, קיין איינאָרע, אזא שטוב מיט פיקערס ,זאָלן געזונט זײַן, מיט לעהאוודל, א פערד אפ קעסט, וואָס וויל ניט וויסן, וואָס ראשע מאכט, באדארפ קײַען אלע טאָג, גאָר אָן א שום טערעצ. וואָס טוט גאָט? ער איז דאָך, ווי זאָגט איר, א זן ומפרנס לכל — פירט דאָס וועלטל קלוג, מיט סייכל; זעט ער, ווי איך מוטשע מיך דאָ אזוי פארן שטיקל ברויט, מאכט ער צו מיר: „דו מיינסט דאָך, טעוויע, אז ס'איז שוין אחרי ככלות הכל — עק וועלט, דער הימל איז אפ דיר געפאלן? פע, ביסט א גרויסער נאר! אָט וועסטו זען, וויאזוי, אז גאָט וויל נאָר, טוט זיך דאָס מאזל אפ א מינוט א דריי נא ליעוואָ קרוגאָם און עס ווערט ליכטיק אין אלע ווינקעלעך; עס קומט אוים, ווי מיר זאָגן אינעם „ונתנה תוקף": מ י י ר ו ם ו מ י י ש פ ל — ווער סע פאָרט און ווער סע גייט צופוס. דער איקער איז — ביטאָכן, א ייִד באדארפ האָפן, נאָר האָפן. אײַ וואָס? טאָמער ווערט מען דערווײַל פארשווארצט? דערופ זײַנען מיר דאָך עפעס שטיקלעך ייִדן אפ דער וועלט, ווי זאָגט איר, אתה בחרתנו — ניט אומזיסט איז אונדז די וועלט מעקאנע... אקעגן וואָס שמועס איך דאָס? איך שמועס עס אקעגן דעם, וויאזוי גאָט האָט מיט מיר געפירט, טאקע נאָר ניסים ווענפלאָעס, איר מעגט דאָס האָרכן.

ויהי היום, איינמאָל פארנאכט פאָר איך מיר אזוי זומער-לעבן אין וואלד, שוין צוריק אהיים, אָן די קלעצער; דער קאָפ אין דער ערד, אפן הארצן וויסט און פינצטער; דאָס פערדל, נעבעך, קוים וואָס עס פלאָנטערט מיט די פיס, כאָטש האק, כאָטש בראָך. „קריך, זאָג איך, שלימאזל, אין דער ערד ארײַן גלײַך מיט מיר, ווייס אויך וואָס באַ-טײַט א טאָגעס אין א לאנגן זומער-טאָג, אז דו שטייסט אײַן בא טע-וויען פאר א פערד!" שטיל ארום און ארום, יעדער קנאק פון דער בײַמש רופט זיך אָפ אין וואלד; די זון זעצט זיך, דער טאָג — ער גויסעסט; די שאָטנס פון די ביימער ציִען זיך אוים לאנג, ווי דער ייִדישער גאָלעס; עס הייבט אָן ווערן פינצטערלעך און שטארק סומ-נע אפן הארצן. פארשיידענע געדאנקען, מאכשאָוועסן קריכן אין קאָפ ארײַן, אלערליי געשטאלטן פון מענטשן, שוין לאנג געשטאָרבענע, קומען מיר אקעגן; און דאָ דערמאָן איך מיך די היים — אז אָך און וויי איז מיר! אין שטוב איז פינצטער, כווישעך; די קינדערלעך, זאָלן געזונט זײַן, נאקעט און באָרוועס, קוקן ארוים נעבעך אפן טאטן, דעם שלימאזל, טאָמער וועט ער ברענגען א ברויטל א פריש, און עפשער א בולקע אהיים; און זי, די אלטע מײַנע, געווײַנטלעך א ייִדענע, וואָר-

טשעט: „קינדער באַדאַרף איך אַזױ האָבן, און נאָך זיבן דערצו, כאָטש נעם, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד, וואַרף זיי אַרײַן לעבעדיקערהייט אין טײַך אַרײַן! גוט צו האָרכן אַזעלכע דיבורים? מע איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, ווי זאָגט איר, אַ „בשר ודגים", דעם מאָגן קאָן מען מיט קיין ווערטער ניט פאַרשטופן; מע כאַפּט אַ שטיקל הערינג, גלוסט זיך טיי, און צו טיי באַדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איר, איז באַ בראָצקין. „פאַרן שטיקל ברויט, זאָגט מײַן ווײַב זאָל לעבן, וועט די קישקע, גישקאָשע, מוחל זײַן, נאָר אָן דעם גלעזל טיי, זאָגט זי, בין איך אײַנגעדאַרט גאָר אַ טויטע; דאָס קינד, זאָגט זי, אַ גאַנצע נאַכט ציט פון מיר די קליי!" און דערווײַל איז מען דאָך עפּעס אַ ייִד אויף דער וועלט, מײַנע איז טאַקע, ווי זאָגט איר, ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפן, נאָר דאַוונען דאַרף מען. מאַלט אײַך. דאָס שיינע דאַוונען, וואָס קאָן שוין זײַן, אַז פּונקט בעשאַס שטעלן זיך שמונה־עשׂרה, צעלאָזט זיך, מײַסטע סאַטן, דאָס פערדל משוגענערווײַז; באַדאַרף מען לויפן נאָכן וואָגן, אײַנהאַלטן די לייצעס און זינגען „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב" — שיין געשטאַנען שמונה־עשׂרה! און דאָ, ווי אויסצולאָכעס, גלוסט זיך דאַפקע דאַוונען געשמאַק, מיט הארץ, טאָמער וועט ווערן גרינגער אויף דער נשמה...

בעקיצער, איך לויף מיר אַזוי נאָכן וואָגן און זאָג די שמונה־עשׂרה הויך, מיט אַ ניגון, ווי, להבדיל, באַם עמוד: מכלכל חיים בחסד — דער דאָ טוט טאָג שפּײַזן אַלע זײַנע באַשעפעניש, ומקיים אמונתו לישני עפר — אפילו די, וואָס ליגן אין דער ערד און באַקן ביינער. אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! אוי ווערט מען אויסגעדריסן! ניט אַזוי, ווי יענע, לעמאַשל, די יעהופּעצער נגידים מײַנע איך, וואָס זיצן אַ גאַנצן זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסן און טרינקען און באָדן זיך אין אַלדאָס גוטס. אוי, ריבוינעשעלוילעם, פאַרוואָס קומט דאָס מיר? איך בין, דאַכט זיך, אַ ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן. גוואַלד, גאָטעניו, ראה נא בעניינו — זע, זאָג איך, באַטראַכט, ווי מיר האָרעווען, און נעם זיך אָן די קריוודע פון די אָרעמעלײַט נעבעך, וואָרעם ווער דען וועט זיך אָן זיי אָננעמען, ווען ניט דו? רפאנו ונרפא — שיק אונדז צו די רפואה, די מאַכע האָבן מיר שוין אַליין... ברך עלינו — בענטש אונדז מיט אַ גוט יאָר, עס זאָל זײַן אַ געראָטן אויף אַלע מינים תבואות, פון קאָרן און פון ווייץ און פון גערשטן; כאָטש אַפילו, צוריק שמועסנדיק, וואָס וועט מיר, שלימאַזל, אַרויסקומען דערפון? אַשטייגער, לעמאַשל, וואָס קומט אַרויס

מײַנ פערדל, לעהאָװדל, צי האָבער איז טײַער, צי װאָלװל?.. גאָר, מע,
גאָט פרעגט מענ קײנ קאַשעס ניט, אוביפראַט א ייִד באַדאַרפ דאָכ
אװאַדע אָנעמענ אַלצדינג פאַר גוטנ אונ זאָגנ „גם זו לטובה", מיסטאַ־
מע הײסט גאָט אַזױ. ולמלשינים — זינג איכ מיר װײַטער — ולמל־
שינים, אונ די „סטיקראַטנ", װאָס זאָגנ, אַז ס'איז ניטאָ קײנ גאָט
אפ דער װעלט, װעלנ האָבנ א שײנ פּאָנעם, אַז זײ װעלנ קומענ
אהינ; זײ װעלנ דאָס אויסקרענקענ מיט פּראָצענט, װאָרעמ ער איז
א שובר אויבים — א גוטער צאָלער, מיט אים שפּילט מענ
זיכ ניט, מיט אים באַדאַרפ מענ גײנ מיט גוטנ, בעטנ אים, שרײַענ
צו אים: אב הרחמן — דערבאַרעמדיקער, האַרציקער פאָטער!
שמע קולנו — הער צו אונדזערע קולעס, חוס ורחם עלינו —
האָב ראַכמאָנעס אפ מײַנ װײַב אונ קינדער, זײ זײַנענ נעבעכ הונגע־
ריק! רצה — זאָלסט באַװיליקנ, זאָג איכ, דײַנ ליב פאָלק ייִסראָעל,
װי אַמאָל, אינ בײסאַמיקדעש, נאָכ בעשאַס די קױהאַנים מיט די לע־
װיִים... פלוצעמ — סטױ! דאָס פערדל האָט זיכ אָנידערגעשטעלט. איכ
כאַפ אָפ אַפדערגיכ דאָס שטיקל שמונעסרע, איכ הײב אופ די אויגנ
אונ טו א קוק — עס קומענ מיר אַקעגנ גלײַכ פונ װאַלד אַרױס צװײ
מעשונע־מאָדנע נעפאַשעס, פאַרשטעלט אונ אָנגעטאָנ נישט װי געװײנ־
טלעכ. „גאַזלאָנים!" — איז מיר דורכגעפלױגנ א געדאַנק אינ קאָפ,
אונ האָב מיכ אָבער באַלד פאַרכאַפט צוריק: „פע, טעװיע, ביסט א
שוטע! סטײַטש, דו פאָרסט אינ װאַלד שױנ אַזױ פיל יאָרנ, באַטאָג
אונ באַנאַכט, װאָס איז דיר עפעס פלוצעמ הײַנט אײַנגעפאַלנ גאַז־
לאָנים?" — װיאָ! מאַכ איכ צומ פערדל אונ נעמ זיכ אָנ מיט האַרצ
אונ גיב דעמ א פאָר שמיצלעכ פונ הינטנ, גלײַכ װי גיט מיכ מײנט מענ.

— רעב ייִד! הערט נאָר, רעב קאָרעװ! — מאַכט צו מיר אײנע פונ
די צװײ נעפאַשעס מיט א קאָל פונ א נעקײװע אונ װינקט צו מיר מיט
א פאַטשײלע. — אַנו, שטעלט זיכ נאָר אָפ אפ א רעגעלע, װאַרט צו
א װײַלעטשקע, אַנטלױפט נישט, מע װעט אײַכ, כאָלילע, גאָרנישט
טאָנ!

„אהא, א ניטגוטער!" — קלער איכ מיר אונ טאַקע באַלד זאָג איכ
צו זיכ אַלײנ: „בעהײמע בעצוראַס פערד! װאָס עפעס פלוצעמ אײַנ־
מיטנדערינענ רוכעס מיט שײדימ?" אונ שטעל אָפ דאָס פערדל. איכ
הײב אָנ גוט אײַנצוקוקנ זיכ אינ די צװײ נעפאַשעס: נעקײװעס; אײנע
אַנ עלטערע מיט א זײַדנ טיכל אפנ קאָפ, די אַנדערע א ייִנגערע מיט
א פאַריק; בײדע רויט װי פײַער אונ שטאַרק פאַרשװיצט.

— א גוטנ אָווגט, סקאָצל קומט! — מאכ איכ צו זיי שטארק אָפ א קאָל, קלוימערשט אינ גוטנ מוט. — וואָס איז אײַער באגער? אויב איר מיינט עפעס קויפנ, וועט איר בא מיר גישט געפינענ גאָרניט, סײַדנ בויכווייטעק אפ מײַנע סאָגימס קעפ, אָדער הארצקלעמעניש א פולע וואָכ, אָדער א ביסל קאָפדרייעניש, טרוקענע שמערצנ, נאסע יעסורימ, סיפקע צאָרעס?..

— שא, שא! — מאכנ זיי. — זע נאָר, ווי ער האָט זיכ דאָס א ביסל צעלאָזט! א ייִדנ, אז מע זאטשעפעט מיט א וואָרט, איז מענ ניט זיכער מיטנ לעבנ! מיר דארפנ, זאָגנ זיי, גישט קויפנ גאָרנישט, מיר האָבנ נאָר געוואָלט א פרעג טאָנ בא אײַכ, עפשער ווייסט איר, ווו איז דאָ ערגעצ דער וועג קיינ בויבעריק?

— קיינ בויבעריק? — מאכ איכ אונ צעלאכ מיכ קלוימערשט. — עס האָט בא מיר, זאָג איכ, אזא פּאָנעמ, פּונקט ווי איר וואָלט מיכ, אשטייגער, פרעגנ, צי ווייס איכ, אז מע רופט מיכ טעוויע.

אזוי? מע רופט אײַכ טעוויע? א גוטנ אָוונט אײַכ, רעב טעוויע! מיר פארשטייענ ניט, וואָס איז דאָ — מאכנ זיי — דער געלעכטער? מיר זײַנענ פרעמדע, פונ יעהופּעצ זײַנענ מיר, אונ וווינענ דאָ אינ בויבעריק אפ א דאטשע, זײַנענ מיר, זאָגנ זיי, ארויסגעגאנגענ אפ א מינוטקעלע שפּאצירנ, אונ דרייענ זיכ ארומ אזוי אינ דעמ דאָזיקנ װאלד פּאָוואָלינקע פונ גאנצ פרי אָנ, בלאָנדזשענ אונ קאָנענ ניט בעשומויפנ זיכ ארופשלאָגנ אפנ רעכטנ וועגנ; דערווײַלע, זאָגנ זיי, האָבנ מיר דערהערט עמעצער זינגט אינ וואלד, האָבנ מיר לעכאטכילע געמיינט, א קאשע, עפשער איז דאָס, כאָלילע, א גאזלענ? נאָר נאָכדעמ, זאָגנ זיי, אז מיר האָבנ דערזענ פונ דער נאָענט, אז איר זײַט, דאנקענ גאָט, א ייִד, איז אונדז געוואָרנ א ביסל גרינגער אפ דער נעשאָמע. הײַנט פארשטייט איר שוינ?

— כא-כא-כא! א שיינער גאזלענ — זאָג איכ. — איר האָט געהאָרכט אמאָל, זאָג איכ, א מײַסע מיט א ייִדישנ גאזלענ, וואָס איז אָנגעפאלנ אפ א דורכגייער אונ געבעטנ בא אימ א שמעק טאבעקע? אויב איר ווילט, זאָג איכ, קאָנ איכ אײַכ דערציילנ די מײַסע.

— די מײַסע — זאָגנ זיי — לאָזט איבער אפ אנ אנדערשמאָל; איר ווײַזט אונדז בעסער אָנ דעמ וועג קיינ בויבעריק.

— קיינ בויבעריק? — זאָג איכ. — סטײַטש, אָט דאָס איז דאָכ דער עמעסער וועג קיינ בויבעריק! איר זאָלט אפילע, זאָג איכ, גישט וועלנ, מוזט איר מיט דעמ שליאכ אָנקומענ גלײַכ קיינ בויבעריק.

— וואָס־זשע שווײַגט איר? — מאכנ זײ צו מיר.

— וואָס־זשע זאָל איכ, זאָג איכ, שרײַענ?

— ווײַבאַלד אזוי, מאכנ זײ צו מיר, קערט איר שוינ וויסנ, איז עס נאָכ עפּעס ווײַט קײנ בויבעריק?

— קײנ בויבעריק, זאָג איכ, איז נישט ווײַט, עטלעכע ווערסט; דאָס הײסט, זאָג איכ, א ווערסט פינפ־זעקס אָדער זיבנ, אונ עפּשער טאקע אלע אכט.

— אכט ווערסט? — האָבנ אויסגעשריענ בײדע ווײַבער מיטאמאָל, געבראָכנ די הענט אונ שיר נישט צעווײנט זיכ אזש. — סטײַטש, וואָס רעדט איר? איר ווײסט וואָס איר רעדט? א ווערטעלע אויסצורײדנ — אכט ווערסט!

— נו, וואָס־זשע, זאָג איכ, זאָל איכ טאָנ? עס זאָל זײַנ אינ מיר געווענדט, וואָלט איכ דאָס געמאכט א ביסל קירצער; א מענטש באַדאַרפ, זאָג איכ, אלצדינג אויספּרוּוונ אפּ דער וועלט. אונטערוועגנס טרעפט זיכ, אז מע באדארפ, זאָג איכ, שלעפּנ זיכ אינ א בלאָטע ארופּ א בארג, אונ נאָכ ערעוו שאבעס דערצו, דער רעגנ שמײַסט אינ פּאָנעם, די הענט סליאַנקענ, דאָס הארצ כאַלעשט, אונ דאָ — טראַכ! עס לאָפּנעט אנ אקס...

— איר רעדט עפּעס גאָר ווי א דולער, — זאָגנ זײ צו מיר, — איר זײַט גאָרנישט בא די געדאנקענ, כ'לעבנ. וואָס דערצײלט איר פּיזמוינעס, באָבעמײַסעס פונ מויזנט אײנ נאכט? מיר האָבנ שוינ קײנ קויעכ ניט צו פּלאָנטענ מיט די פיס; א גאנצנ טאָג האָבנ מיר, אכוצ א גלעזל קאווע מיט א פּוטער־בולקע, נאָכ אינ מויל נישט געהאַט, קומט איר צו גײנ מיט אײַערע מײַסעס!

— אויב אזוי, — זאָג איכ — איז עפּעס אנדערש; ווי זאָגט מענ, קײנ טאנצ גײט ניט פארנ עסנ. דעמ טאַמ פונ הונגער פאַרשטײ איכ גאנצ גוט, איר באדארפט מיר נישט דערצײלנ. עס קאָנ זײער שוינ זײַנ, זאָג איכ, אז איכ האָב קײנ קאווע מיט קײנ פּוטער־בולקע נישט אָנגעקוקט שוינ פונ א יאָר... אונ אזוי ווי איכ רײד, שטעלט זיכ מיר פאָר א גלעזל הײסע קאווע מיט מילכ אונ מיט א פּוטער־בולקע א פרישע, מיט נאָכ גוטע זאכנ... „שלימאזל אײנער, טראכט איכ מיר, ביסט טאקע אנדערש ניט געצויגנ געוואָרנ, נאָר אפ קאווע מיט פּוטער־בולקעלעכ? אונ א שטיקל ברויט מיט הערינג ביסטו קראַנק?“ אונ ער, דער יעיצער־האָרע, ניט געדאכט זאָל ער ווערנ, אפּצולאָכעס קאווע, אפּצולאָכעס

פוטער=בולקע! איכ הער דעמ רייעכ פונ קאווע, איכ פיל דעמ טאמ פונ פוטער־בולקע — פרישע, געשמאקע, מעכאיע נעמאָשעס!

— ווייסט איר גאָר וואָס, רעב טעוויע? — מאכ צו מיר ביידע ווייבער. — טאָמער וואָלט געווענ א סוואָרע, אזוי ווי מיר שטייענ אָט=אָ־דאָ, זאָלנ מיר זיכ ארופכאפנ צו אייכ אפנ וואָגנ אונ איר טאקע אליינ זאָלט זיכ מאטריִעכ זייִנ אונדז אָפּפירנ מעבילע אהיימ, קיינ בויבעריק? וואָס וועט איר זאָגנ דערופ.

— סא מאָשל, זאָג איכ, כחוים הנשבר; איכ פאָר פונ בויבעריק, אונ איר דארפט קיינ בויבעריק! ווי קומט די קאצ איבערנ וואסער?

— נו, איז וואָס? — מאכנ זיי. — ווייסט איר ניט וואָס מע טוט? א ייִד א לאמדנ גיט זיכ אנ אייצע: ער פארקערעוועט דאָס ווענגעלע אונ פאָרט צוריק. האָט קיינ מוירע נישט, רעב טעוויע, זאָגנ זיי, זייט זיכער, אימירצעשעמ, אז גאָט וועט אונדז ברענגענ אהיימ בעשאָלעמ, ווינטשנ מיר זיכ דאָס אויסקרענקענ, וואָס איר וועט צו אונדז דערלייגנ.

„עפעס ריידנ זיי מיט מיר טארגומ־לאָשנ! — טראכט איכ מיר. — פארשטעלט, גאָר נישט ווי געוויינטלעכ!“ — אונ עס קומענ מיר ארופ אפנ זינענ: מייסימ, מאכשייפעס, לייצימ, פארשלעפטע קריינק. — „שוי=טע בענ פיקהאָלצ! — טראכט איכ מיר. — וואָס שטייסטו ווי א פלאָקנ? כאפ זיכ ארופ אפנ וואָגנ, ווייַז דעמ פערדל א בייַטש אונ מאכ א וואיִווראכ!“ נאָר מייַסע=סאָטנ כאפט זיכ ארויס בא מיר נישט ווילנדיק פונעמ מויל:

— קריכט אינ וואָגנ!

מייַנע האָבנ דערהערט, זיכ דאפקע נישט געלאָזט לאנג בעטנ אונ כאפ אינ וואָגנ ארייַנ; איכ נאָכ זיי אפ דער קעלניע, פארקערעוועט דעמ דישל, שמייַס דאָס פערדל: אײנס, צוויי, דרייַ, פאשאָל! — ווער, וואָס, ווענ? א נעכטיקער טאָג! פונעמ אָרט וויל דאָס ניט רירנ, כאָטש נעמ צעשנייַד דאָס אפצווייענ. „נו, טראכט איכ מיר, הייַנט פארשטיי איכ שוינ, וואָס דאָס איז פאר ווייַבער... דער גוטער יאָר האָט מיכ געטראָגנ זיכ אָפּשטעלנ אינמיטנדעריגענ, מאכנ א שמועס מיט ווייַ־בער!“.. איר פארשטייט — פונ איינ זייט דער וואלד, דאָס שטילקייַט מיטנ סומנעקייַט, אקעגנ נאכט, אונ דאָ — די צוויי נעפאשעס, קלוי־מערשט נעקייוועס... דער קוועכ=האדאמ ארבעט גאנצ געשמאק אפ אלע סטרונעס. איכ דערמאָנ מיכ א מייַסע פונ א באלעגאָלע, וואָס איז אמאָל געפאָרנ אינ וואלד איינער אליינ אונ דערזענ אפנ שליאכ ליגט א זעקל האָבער. מייַנ בעלעגאָלע האָט דערזענ א זעקל האָבער, האָט ער זיכ ניט

געפּוילט, אראָפּ פונעם וואָגנ, געכאַפּט דאָס זעקל האָבער אָפּ די פּלייצעס, זיכ אײַנגעריכט דאָס געזונט, קוים ארופגעלייגט דאָס זעקל האָבער אפנ וואָגנ אונ הלך לעולמו, פּאָשאָל ווײַטער. ער פאָרט אָפּ אקעגנ א ווערסט, ער טוט זיכ א כאַפּ צום זעקל האָבער — נישט קיינ זעקל, נישט קיינ האָבער; ס'איז נאָר א ציג ליגט בא אים אינ וואָגנ, א ציג מיט א בערדל; ער וויל זי אָנרירנ מיט דער האנט, שטעלט זי אים ארויס א צונג אפּ אנ ארשינ, לאָזט ארויס א מעשונע־ווילדנ געלעכטער אונ ווערט פארשוווּנדנ...

— פארוואָס פאָרט איר שוינ ניט? — מאכנ צו מיר די ווײַבער.

— פארוואָס איכ פאָר שוינ ניט? איר זעט דאָכ, זאָג איכ, פאר־וואָס: דאָס פערדל וויל ניט דאוונענ, ס'איז ניט אופגעלייגט.

— גיט דעמ מיט דער בײַטש, מאכנ זיי, איר האָט דאָכ א בײַטש.

— א דאנק אײַכ, זאָג איכ, פאר דער אייצע. גוט וואָס איר האָט מיר דערמאָנט. דער כיסאָרנ, זאָג איכ, וואָס מײַנ באָכער שרעקט זיכ ניט איבער פאר אזעלכע זאכנ; ער איז שוינ אזוי געוווינט מיט דער בײַטש, ווי איכ מיטנ דאלעס, — זאָג איכ צו זיי קלוימערשט מיט א ווערטל, אונ עס וואַרפּט מיט מיר דאָס גײַניאַריקע קאדאָכעס.

בעקיצער, וואָס זאָל איכ אײַכ מײַריכ זײַנ — איכ האָב אויסגעלאָזט מײַנ גאנצ ביטער הארצ צום פערדל נעבעכ; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפנ, עס האָט גערירט פונעם אָרט, ויסעו מרפידים — אונ מיר זײַנענ אוועק מיטנ וואלד גלײַכ אונדזער וועג. פאָרנדיק אזוי, פליט מיר דורכ אינ קאָפּ גאָר א נײַע מאכשאָווע: „אוי, טעוויע, ביסטו א פערדאטש; החילות לנפול — ביסט געווענ א קאפּצנ, אונ וועסט בלײַבנ א קאפּצנ. סטײַטש, גאָט האָט דיר צוגעשיקט אזא באַגעגעניש, וואָס טרעפט איינ מאָל אינ הונדערט יאָר, וויאזוי באדינגסטו זיכ ניט לעכאטכילע, דו זאָלסט וויסנ מה־יקר — וואָס וועסטו האָבנ דערפאר? ווענ מיר זאָלנ שמועסנ הן על־פּי יושער והן על־פּי סאָוועסט, הן על־פּי מענטשלעכקײַט והן על־פּי דינ אונ על־פּי זאַקאָן, אונ אפילע על־פּי וויים איכ וואָס, איז קיינ אוולע ניט, מע זאָל דערבײַ עפּעס פארדינענ, אונ פארוואָס טאקע ניט אָפּלעקנ א ביינדל, אז עס האָט זיכ שוינ יאָ אזוי געמאכט? שטעל אָפּ דאָס פערדל, דו בעהיימע, זאָג זיי אזוי אונ אזוי, ברחל בתך הקטנה: „האָב איכ בא אײַכ אזויפיל אונ אזויפיל, איז גוט, עלע ניט, בעטנ מיר אײַכ, מעכילע, אראָפּ פונעם וואָגנ!“ נאָר צוריק קלער איכ מיר: „ביסט טאקע א בעהיימע, טעוויע! דו ווייסט ניט, אז די פעל פונעם בער טאָר מענ ניט

וואלד ניט פארקויפנ, ווי זאָגט דער גוי: ש ט ש ע נ י ע פ אָ י מ א ו, א
ו ו ז ש ע ס ק ו ב ע"...

— לעמי פאָרט איר גישט א ביסל גיכער? — זאָגנ די ווייבער און
טאָרענ מיכ פונ הינטנ.

— וואָס האָט איר, זאָג איכ, אזוי קיינ צייט ניט? פונ איילעניש,
זאָג איכ, קומט קיינ גוטס ניט ארויס — זאָג איכ אונ כאפ א קוק
מינ האצאר אפ מיינע פארשווינדלעכ; דאכט זיכ, ווייבער, ווי געוויינט-
לעכ, ווייבער: איינע מיט א זיידנ טיכל, די אנדערע מיט א פאריק;
זיי זיצנ אונ קוקנ איינס אפס אנדערע אונ שושקענ זיכ.

— נאָכ יעפעס ווייט? — פרעגנ זיי מיכ.

— נעענטער, זאָג איכ, ווי פונדאנענ אוואדע ניט; אָט באלד, זאָג
איכ, האָבנ מיר א בארג-אראָפ מיט א בארג-ארופ; נאָכדעם, זאָג איכ,
גייט ווידער א בארג-אראָפ מיט א בארג-ארופ. אונ ערשט נאָכדעם,
זאָג איכ, האָבנ מיר דעמ גרויסנ בארג-ארופ, אונ פונ דאָרטנ גייט
שוינ דער וועג גלייכ, גלייכ ביז בויבעריק...

— עפעס א שלימאזל! — רופט זיכ אָנ איינע צו דער אנדערער.

— א פארשלעפטע קרענק — זאָגט די אנדערע.

— א רעשטל צו די צאָרעס! — זאָגט ווידער יענע.

— מיר שיינט, א מעשוגענער! — זאָגט די אנדערע.

„אוואדע — טראַכט איכ מיר — בינ איכ א מעשוגענער, אז איכ
לאָז מיכ פירנ בא דער נאָז!"

— ווו וועט איר זיכ, אשטייגער, קעדוימע לעמאָשל, מיינע ליבע
ווייבער, הייסנ אָפּווארפנ? — רופ איכ מיכ אָנ צו זיי.

— וואָס הייסט, זאָגנ זיי, אָפּווארפנ? וואָס איז פאר אנ אָפּוואר-
פעכטס?

— עס רעדט זיכ אזוי, זאָג איכ, באלעגאָלע-שפראכ; אפ אונדזער
לאָשנ הייסט דאָס: ווהינ וועט איר זיכ הייסנ פארפירנ, אז מיר וועלנ
קומענ, זאָג איכ, קיינ בויבעריק, אימירצעשעם, מיטנ אייבערשטנס
הילפ, געזונט אונ שטארק, אז גאָט וועט שענקענ דאָס לעבנ? ווי זאָגט
מענ: בעסער צוויי מאָל פרעגנ איידער איינ מאָל בלאָנדזשענ.

— א? אָט דאָס מיינט איר? איר וועט אונדז, זאָגנ זיי, מויכל
זיינ צופירנ צו דער גרינער דאטשע, וואָס באמ טייכ, פונ יענער זייט
וואלד. ווייסט איר ווו דאָס איז?

— פארוואָס זאָל איכ ניט וויסנ? — זאָג איכ — איכ בינ אינ בוי-
בעריק ווי בא זיכ אינ דער היים. לאָמיכ פארמאָגנ די אלאָפים, זאָג

איכ, וויפל קלעצער איכ האָב אהינצו ארײַנגעפירט. אָט ערשט פאראיאָרנ זומער, זאָג איכ, האָב איכ געשטעלט אָט דער גרינגער דאטשע צוויי קלאפטער האָלצ מיטאמאָל; דאָרט איז געזעסנ אײנער א גוויר א גרויסער, פונ יעהופעצ, א מיליאָנשטשיק פונ אוואדע א מייע עלעפ קארבנ, אונ עפשער פונ רייש אלאָפימ!

— ער זיצט הײַנט אויכ דאָרטנ. — רופנ זיכ אָנ צו מיר ביידע ווײַבער אונ קוקנ אײנס אפס אנדערע אונ שושקענ זיכ אונ לאכנ.

— שא, זאָג איכ, אז דער צאר פונ טראָגנ איז יאָ אזוי גרויס, קאָנ דאָכ געמאָלט זײַנ, אז איר האָט מיט אים עפעס א שטיקל שײַכעס, — וואָלט עפשער געווענ, זאָג איכ, א סוואָרע, איר זאָלט זיכ דאָרט מאטריעכ זײַנ, עפעס א רייד טאָנ פונ מײַנטוועגנ, א שטיקל טויווע מיר, א פארנאָסע, א שטעלע, צי ווייס איכ וואָס? איכ קענ, זאָג איכ, אײנעם א יונגנמאנ, יִסראָעל הייסט ער, ניט ווײַט פונ אונדזער שטעטל, געווענ א גאָרנישט מיט א נישט; האָט ער זיכ דערשלאָגנ אהינצו, מע ווייס ניט פונוואנענ אונ וויאזוי — בעקיצער, ער איז הײַנט א גאנצער יאטעבעדאמ, פארדינט עפשער צוואנציק קארבנ א וואָכ, צי עפשער גאָר פערציק, איכ ווייס? — לײַט האָבנ גליק! צי, אשטייגער, וואָס גייט אָפ, זאָג איכ, אונדזער שויכעטס אײדעמ? וואָס וואָלט פונ אים געווענ, ווענ ער לאָזט זיכ ניט אוועק קיינ יעהופעצ? עמעס, די ערשטע עטלעכע יאָר איז ער גוט פארשווארצט געוואָרנ, שיר ניט געשטאָרבנ פונ הונגער. דערפאר אָבער אצינד, כוצ זײַנ שאָדנ, האלעווײַ אָפ מיר געזאָגט געוואָרנ; ער שיקט שוינ געלט אהיימ. ער האָט שוינ כיישעק ארויסנעמענ אהינ זײַנ ווײַב אונ קינדער, לאָזט מענ אים דאָרט ניט זיצנ. אײַ איז דאָכ די קאשע, וויאזוי זיצט ער? מוטשעט ער זיכ טאקע... שאט, זאָג איכ, אז מע לעבט, דערלעבט מענ זיכ; אָט האָט איר, זאָג איכ, דעמ טײַכ, אונ אָט איז די גרויסע דאטשע, — זאָג איכ אונ פאָר מיר ארײַנ ברייטלעכ, מיט א יִרגאָזנ גלײַכ מיטנ דישל אינ גאנעק ארײַנ. מע האָט אונדז נאָר דערזענ, איז געוואָרנ סאָסנ וועסימכע, א געשריי, א געפילדער: „אוי, די באָבע! די מאמע! די מומע!.. זיכ געפונענ דער שאָדנ! מאזלטאָוו!.. גוואלד, ווו זײַט איר געווענ? א גאנצנ טאָג אָנ קעפ... צעשיקט פאָטשט אפ אלע ווענג... געמיינט, א קאשע אפ א מײַסע, עפשער וועלפ, גאזלאָנימ, כאסוועשאָלעמ! וואָס איז די מײַסע?“...

— „די מײַסע איז א שיינע מײַסע: געבלאָנדזעט אינ וואלד, פארבלאָנדזעט העט-ווײַט, עפשער צענ ווערסט. פלוצעמ א יִיד... וואָס פאר

א יידל.. א ייד א שלימאזל מיט א פערד און װעגעלע... קוים מיט צרות אײַנגעגעבעמ זיך"... „אלע בײַזע, װיסטע חלומות... אליין גאָר אַן א שומער?.. א מיִסע, א מיִסע, באַדאַרפט בענטשן גומל"...

בעקיצער, מע האָט ארױסגעטראָגן לאָמפּן אױפן גאַנעק, געגרייט צום טיש און אָנגעהױבן טראָגן סאַמאָװאַרן הייסע, מיט בעקנס טיי, מיט צוקער, מיט אײַנגעמאַכטס, מיט פֿײַנקוכנס גוטע, מיט פּוטערגע־בעקס פֿרישע, שמעקנדיקע, און גאָרבעס עסנס אַלערליי, די טײַערסטע מיכאָלים, ייִכלעך פֿעטע, מיט געבראָטנס, מיט געגרוזגם א סאַך, מיט די בעסטע װײַנען און נאַסטויקעס. איך בין גאָר געשטאַנען פֿונדער־װײַטנס און באַטראַכט, װיאַזױ, קיין אײַנאָרע, מע עסט דאָס און מע טרינקט בײַ די יעהופּעצער נגידים, קיין בײַז אױג זאָל זיי ניט שאַטן. „א מאַשקן פֿאַרזעצן, טראַכט איך מיר, און א גװיר זאָל מען זײַן!" מיר יחאַכט, איך װײס? װאָס דאָ פֿאַלט אַראָפּ אױף דער ערד, װאָלט פֿאַר מײַנע קינדער גענוג געװען אױף א גאַנצע װאָך, ביז שבת. גאָט, גאַטעניו, האַרציקער־געטרײַער, דו ביסט דאָך עפּעס אַן אל ארך אפּים, א גרױסער גאָט און א גוטער גאָט, מיט כבוד און מיט יושר, װי קומט דאָס, דו זאָלסט אװעקגעבן אײנעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרניט? איינעם פּוטערבולקעס, דעם אַנדערן מאַקעס־פּכװירעס? און צוריק אָבער באַטראַכט איך מיך: עט, ביסט א גרױסער נאַר, טעװיע, כ'לעבן, װאָס איז שײַער, דו װילסט אים זאָגן א דייע, װיאַזױ צו פֿירן די װעלט? מיסטאַמע, אַז ער הייסט אַזױ, באַדאַרף זײַן אַזױ; א סימען האָט איר, אַז װען עס זאָל באַדאַרפֿן זײַן אַנדערש, װאָלט דאָך געװען אַנדערש. איי, װאָס? פֿאַרװאָס זאָל טאַקע ניט זײַן אַנדערש? איז דער תּירוץ: ע ב ד י ם ה י י נ ו — דערום זײַנען מיר דאָך עפּעס שטיקלעך ייִדן אױף דער װעלט. א ייִד באַדאַרף לעבן מיט אמונה און מיט ביטאָכן; ער באַדאַרף גלייבן, ערשטנס, אַז ס'איז דאָ א גאָט אױף דער װעלט, און האָפֿן אױף דעם, װאָס לעבט אייביק, אַז עס װעט זיך, מיסטאַמע אי־מירצעשעם, פֿאַרבעסערן...

— שאַ, װו־זשע איז ערגעץ דער ייִד? — הער איך עמעצער זאָגט. — שױן אַװעקגעפֿאָרן דער שלימאַזל?

— כאַסװעשאָלעם! — רוף איך מיך אָן פֿונדערװײַטן. — װאָס הייסט, איך װעל אַװעקפֿאָרן גלאַט אַזױ, אָן א זײַט־געזונט? שאָלעם אליכעם, זאָג איך, א גוטן אָװנט אײַך, ברוכים היושבים, עסט געזונטערהייט, און לאָז אײַך װױל באַקומען!

— קומט־זשע אַהער, מאַכן זיי צו מיר, װאָס שטייט איר דאָרטן

אינ דער פינצטער? לאָמיר אײַך אָנקוקנ כאָטש, זענ וואָס פאר א פאָנעם איר האָט. עפשער וועט איר נעמענ א ביסל בראָנפנ?

— א ביסל בראָנפנ? אָכ, זאָג איכ, ווער זאָגט זיכ דאָס אָפ פונ א ביסל בראָנפנ? ווי שטײט דאָרטנ אינ פאָסעק: איזה „לחיים“ ואיזה למות — מאכט ראשע: גאָט איז גאָט אונ בראָנפנ איז בראָנפנ. לעכאַיִם! — זאָג איכ אונ האַק ארײַנ א קויסע. — לאָז גאָט געבנ, זאָג איכ, איר זאָלט טאָמער זײַנ רײַכ אונ האָבנ גרויס נאכעס; יידנ, זאָג איכ, זאָלנ טאָמער זײַנ יידנ; גאָט זאָל זיי געבנ, זאָג איכ, געזונט אונ קויעכ, זיי זאָלנ קאָנענ אריבערטראָגנ די צאָרעס.

— מה שמכם? — רופט זיכ אָנ צו מיר דער גוויר אַליינ, א שיינער ייד מיט א יארמעלקע. — פונוואַנעט איז א ייד, ווו זיצט איר, וואָס איז אײַער פארנאָסע? זײַט איר א באַווײַבטער? האָט איר עפעס קינדער, אונ וויפל קינדער?

— קינדער? — זאָג איכ. — ניט צו פארזינדיקנ. אויב איטלעכס קינד, זאָג איכ, איז ווערט, ווי מײַנ גאָלדע וויל מיכ אײַנרעדנ, א מיליאָנ, בינ איכ רײַכער פונעם גרעסטנ גוויר אינ יעהופעץ. דער כיסאָרנ, זאָג איכ, וואָס אָרעמ איז ניט רײַכ, קרומ איז ניט גלײַכ, אזוי ווי אינ פאָסעק שטייט: המבדיל בין קודש לחול — ווער עס האָט די קלינגערס, דעמ איז וויל. געלט האָבנ טאקע די בראָצקיס, אונ איכ האָב טעכטער. אונ אז מע האָט, זאָגט איר, טעכטער, פארגייט דער געלעכטער. נאָר גאָרניש, גאָט איז א פאָטער. ער פירט אויס, דאָס הייסט, ער זיצט אויבנ אונ מיר מוטשענ זיכ אונטנ. מע האָרעוועט, מע שלעפט קלעצער, א ברייראַ האָט מענ? ווי די געמאָרע זאָגט: במקום שאין איש — איז א הערינג פיש. דער גאנצער אומגליק איז — דאָס עסנ. ווי מײַנ באָבע, אָלעאשאָלעמ, פלעגט זאָגנ: „ווענ דער פיסק זאָל ליגנ אינ דער ערד, וואָלט דער קאָפ געגאנגענ אינ גאָלד“... האָט קיינ פאריבל ניט, זאָג איכ, עס איז ניטאָ קיינ גלײַכערס פונ א קרומענ לייטער אונ קיינ קרומערס פונ א גלײַכוואָרט, אויבי־פראָט, זאָג איכ, אז מע מאכט שהכל נהיה בדברו אפנ ניכטערנ הארצנ.

— לאָז מענ געבנ דעמ יידנ עפעס עסנ! — רופט זיכ אָנ דער גוויר, אונ עס ווערט באשאפנ אפנ טיש פונ כל־מאמינים־שהוא: פיש, אונ פלייש, אונ געבראָטנס, אונ פערטלענ אָפ, אונ פופקעס מיט לע־בערלעכ אָנ א שיר.

— איר וועט עפעס עסנ? — מאכנ זיי צו מיר. — גייט וואשט זיכ.

— א קראַנקנ פרעגט מענ, א געזונטנ גיט מענ; נאָר וואָס דענ, זאָג איכ, א דאַנק אײַכ. א ביסל בראָנפנ, זאָג איכ, מאכטייסע, נאָר נײַנ זעצנ זיכ אַט דאָ מאכנ א גאַנצע סודע, בעשאָס דאָרטנ, אינ דער היים, מײַנ ווײַב אונ קינדער, זאָלנ געזונט זײַנ... אויב אײַער גאָטער ווילנ וועט זײַנ...

בעקיצער, מע האָט זיכ, אפּאָנעם, געשטויסנ וואָס איכ מיינ, אונ מע האָט מיר געגומענ פּאַקנ אינ וואָגנ אַרײַנ איטלעכער באַזונדער: דער א בולקע, דער פיש, דער געבראָטנס, דער א פּערטל אָפּ, דער טיי אונ צוקער, דער א טעפּל שמאַלצ, דער א סלוי אײַנגעמאַכטס.

— דאָס וועט איר, מאכנ זיי, ברענגענ אַהיים א מאַטאָנע פאַר אײַערע ווײַב אונ קינדער. אונ אַצינד זאָגט, וויפל וועט איר זיכ הייסנ באַצאָלנ פאַר אײַער טירכע, וואָס איר האָט זיכ מאַטריעכ געווענ פונ-ונדזערטוועגנ?

— סאַ מאָשל, זאָג איכ, וואָס איז שײַעכ, איכ וועל מיר הייסנ אָנמעסטנ? וויפל אײַער גאָטער ווילנ וועט זײַנ, זאָג איכ, אַזוי וועט איר מיר באַצאָלנ. מיר וועלנ דורכקומענ, ווי זאָגט ער, א רענדל אַראָפּ, א רענדל אַרופ „שקראַב וועט שוינ שקראַבעדיקער ניט ווערנ“...

— נײַנ, זאָגנ זיי, מיר ווילנ האָרכנ פונ אײַכ אַלײנ, רעב טעוויע! האָט קיינ מוירע ניט, מע וועט אײַכ, כאָלילע, נישט קעפּנ.

„וואָס טוט מענ דאָ? — טראַכט איכ מיר. — ס'איז שלעכט: זאָל איכ זאָגנ א קערבל, איז אַנ אַוויירע, טאָמער קאָנ איכ נעמענ צוויי. זאָל איכ זאָגנ צוויי, האָב איכ מוירע, טאָמער קוקנ זיי מיכ אָנ ווי א מעשוגענעם: פאַרוואָס קומט דאָ צוויי קאַרבנ?“.

— א דרײַערל!!!.. — האָט זיכ אַרויסגעכאַפּט בא מיר פונעם מויל, אונ צווישנ אוילעם איז געוואָרנ אַזאַ געלעכטער, אַז איכ האָב מינ שיר אינ דער ערד באַגראָבנ.

— האָט קיינ פאַריבל ניט, זאָג איכ, טאָמער האָב איכ מינ אַרויסגעכאַפּט מיט א וואָרט; א פערד, זאָג איכ, אַפּ פיר פיס, ספּאָ-טיקעט זיכ, אַוודאי א מענטש מיט איינ צונג...

עס איז געוואָרנ נאָכ א גרעסערער געלעכטער; מע האָט זיכ פּאַ-שעט געהאַלטנ בא די זײַטנ לאַכנדיק.

— לאָז שוינ זײַנ גענוג צו לאַכנ! — רופט זיכ אָנ דער גוויר אונ נעמט אַרויס פונ בוזעמ-קעשענע א גרויסנ טײַסטער אונ גייט אונ שלעפּט אַרויס פונעם טײַסטער — וויפל מיינט איר, אַשטייגער? אַנו, טרעפט! — א צענערל, א רויטס אַזוי ווי פײַער, איכ זאָל אַזוי זײַנ

געזונט מיט אײַך אײנײנעם! — און מאכט אזוי: — „אָט דאָס האָט איר פון מיר, און איר, קינדער, גיט אײַך פון אײַער קעשענע וויפל איר פארשטײט“.

בעקיצער, וואָס טויג אײַך — עס האָבן אָנגעהויבן צו פליִען אפן טיש פינפערלעך און דרײַערלעך און אײנערלעך — הענט און פיס האָבן מיר געציטערט; איך האָב געמײנט, אָט פאל איך חלשעס.

— נו, וואָס שטײט איר? — מאכט צו מיר דער גוויר. — נעמט צונויפ די עטלעכע קערבלעך פונעם טיש און פאָרט געזונטערהײט צו אײַער ווײַב און קינדער.

— נאָט זאָל אײַך געבן, זאָג איך, כפל־כפלים, איר זאָלט פארמאָגן צען מאָל, הונדערט מאָל אזוי פיל, איר זאָלט האָבן אלדאָס גוטס, מיט גרויס נאכעס! — און זשעבערע צונויפ מיט בײדע הענט דאָס געלט — ווער געצײלט? וואָס געצײלט? — און שטופ אין אלע קעשע־נעס. — א גוטע נאכט, זאָג איך, א גוטן טאָמער און זײַט געזונט, און זאָלט האָבן, זאָג איך, גרויס נאכעס, איר און אײַערע קינדער און קינדס קינדער און אײַער גאנצע מישפאָכע, — זאָג איך און לאָז מיך גײן צום וואָגן. רופט זיך אָן צו מיר די גווירטע, יענע וואָס מיטן זײַדן טיכל:

— שטײט נאָר א ווײַלע, רעב טעוויע, פון מיר באקומט איר גאָר א באזונדערע מאטאָנע; אימירצעשעם, מאָרגן קומט צו פאָרן; איך האָב, זאָגט זי, א מאורע בעהײמע, געווען אמאָל א טײַערע בעהײמע, פלעגט געבן פיר און צוואנציק גלעזער מילך; הײַנט האָט זי פון א גוט אויג אופגעהערט צו מעלקן זיך, דאָס הײסט, מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קײן מילך גיט זי ניט...

— לאנג לעבן זאָלט איר, זאָג איך, איר זאָלט גאָר קײן יעסורימ ניט האָבן, בא מיר וועט זיך אײַער בעהײמע אי מעלקן אי מילך געבן; מײַן אלטע איז, קײן אײַנאָרע, אזא באלעבאָסטע, אז פון גאָרניט בראָקט זי לאָקשן, פון פינגער קאָכט זי זאטירקעס, מיט ניסים מאכט זי שאבעס און מיט בוכענצעס לײגט זי קינדער שלאָפן... האָט קײן פאריבל ניט, זאָג איך, טאָמער האָב איך מיך ארויסגעכאפט מיט אן איבעריק וואָרט. א גוטע נאכט און א גוטן טאָמער און זײַט גע־זונט, — זאָג איך און לאָז מיך גײן. איך קום ארויס אין הויפ צום וואָגן, איך טו מיך א כאפ צום פערדל — אוי־ווײ, אן אומגליק, א צאָרע, א שלאָק! איך קוק אפ אלע זײַטן, והילד אײננו — ניטאָ קײן פערדל!

„נו, טעוויע, טראכט איך מיר, דו ביסט אין דער ארבעט!“... און עס קומט מיר ארופ אפן זינען א שיינע מייסע, וואָס איך האָב אמאָל געלייענט ערגעץ אין א ביכל, וויאזוי „כעווריע“ האָבן דערטאפּט אין דער פרעמדער ערלעכן יידן, א כאָסיד, פארנארט צו זיך הינטער דער שטאָט אין פּאלאץ אריין, געגעבן אים עסן און טרינקען, און נאָכדעם פּלוצעם מיטאמאָל פארשווּנדן געוואָרן, אים איבערגעלאָזט איינעם אליין מיט א נעקייווע; פון דער נעקייווע איז באלד געוואָרן א כאיע-ראָע, פון דער כאיע-ראָע האָט זיך אויסגעלאָזט א קאץ, און פון דער קאץ — א פּיפּערנאָטער... „זע נאָר, טעוויע, זאָג איך צו מיר אליין, צי מע פירט דיך ניט אין באָד אריין!“

— וואָס באָברעט איר זיך דאָרטן און וואָס וואָרטשעט איר? — פרעגט מען מיך.

— וואָס איך באָברע מיך? — ענטפער איך. — אז אָך און וויי איז מיר, זאָג איך, וואָס איך לעב אף דער וועלט; איך האָב א שאָדן: דאָס פערדל מיינס...

— אייער פערדל, מאכן זיי צו מיר, איז אין שטאל. זייט זיך מאטריעך אהינצו אין שטאל אריין.

איך קום אריין אין שטאל און טו א קוק: יאָ, ווי איך בין א ייד! מיין באָכער שטייט זיך גאנץ פיין צווישן די נעגידישע פערד, שטאַרק פארטיפט אינעם קייען, רייבט דעם האָבער געשמאק, אף וואָס די וועלט שטייט.

— הער נאָר, זאָג איך צו אים, כאָכעם מיינער, שוין צייט אהיים; מיטאמאָל צוכאפּן זיך, זאָג איך, טאָר מען נישט; אן איבעריקער ביסן, זאָגט מען, קאָן פארשאטן...

בעקיצער, איך האָב אים קוים איינגעבעטן, מעכילע איינגעשפּאנט אים אין וואָגן און האָב מיך געלאָזט אהיים לעבעדיק-פרייליך, געזונגען א „מלך-עליון“ גאָר בעגילופן. אויך מיין פערדל איז געוואָרן גאָר נישט דאָס, וואָס פריער; א נייע פעל אף דעם אויסגעוואקסן; שוין נישט .געוואַרט אף קיין בייטש, געלאָפן, ווי א מיזמער. געקומען אהיים שוין שפּעטלעך אין דער נאכט, אופגעוועקט מיין ווייב מיט א סימכע, א פרייד.

— א גוט יאָנטעוו, מאך איך צו איר, מאזלטאָוו דיר, גאָלדע!

— א ווינטער מאזלטאָוו דיר א פינצטערער, מאכט זי, וואָס ביסטו אזוי יאָנטעוודיק, מיין טייערער ברויטגעבער? דו פאָרסט דאָס פון א כאסענע, צי פון א ברים, גאָלדשפּיגער מיינער?

— עס איז א כאַסענע, זאָג איכ, מיט א בריס! וואַרט אויס, מײַנ ווײַב, אַט וועסטו באַלד זענ אנ אויצער, זאָג איכ; נאָר קוידעמקאָל וועק אופּ די קינדער, לאָזנ זיי נעבעכ אויכ געניסנ, זאָג איכ, פונ די יעהופּעצער מײַכאָלים...

— צי דו ביסט דול, צי דו ביסט כאָסעדרייע, צי דו ביסט גערירט, צי דו ביסט פונעמ זינענ? עפּעס רעדסטו, ווי א מעשוגענער, שונאי-ציונ! — זאָגט צו מיר מײַנ ווײַב אונ שעלט, לייענט די טויכעכע, ווי געוויינטלעכ א יידענע.

— א יידענע, זאָג איכ, בלײַבט א יידענע; ניט אומזיסט זאָגט שלוימע האמעלעכ, אז צווישנ טויזנט ווײַבער האָט ער ניט געפונענ איינע א רעכטע. א גליק, כ'לעבנ, וואָס ס'איז הײַנט געוואָרנ אויס מאָדע צו האָבנ א סאכ ווײַבער, — זאָג איכ אונ גיי מיר ארויס צו מײַנ וואָגנ אונ טראָג ארײַנ פונ דאָרטנ אלע גוטע זאכנ, וואָס מע האָט מיר אײַנגעפּאקט, אונ שטעל דאָס אלצדינג אויס אפנ טיש. מײַנע כעוורעלײַט האָבנ דערזענ בולקעס, דערשמעקט פלייש, זײַנענ זיי באפאלנ דעמ טיש, ווי די הונגעריקע וועלפ נעבעכ; עס איז געוואָרנ צווישנ זיי א כאפּערײַ, די הענט האָבנ געציטערט, די ציינ האָבנ געארבעט; עס איז געווענ ווי אינ פּאָסעק שטייט: וואייכלו — מאכט ראשע: מע האָט געקנאקט ווי די הײשעריקנ. טרערנ האָבנ זיכ מיר געשטעלט אינ די אויגנ...

— נו, זאָג שוינ, — מאכט צו מיר מײַנ פלוינעסטע, — בא וועמענ איז דאָס געווענ אנ אָרעמ מאָלצײַט, צי אזוי א סודע, אונ וואָס ביסטו אזוי האָפּערדיק?

— האָב צײַט, זאָג איכ, גאָלדע, דו וועסט אלצ וויסנ. דו צעבלאָז גאָר, זאָג איכ, דעמ סאמאָוואר, אונ נאָכדעמ וועלנ מיר זיכ ארומזעצנ אלע ארומ טיש, זאָג איכ, טרינקענ צו גלעזלעכ טיי, ווי עס געהער צו זײַנ. א מענטש, זאָג איכ, לעבט איינ מאָל אפ דער וועלט, נישט קיינ צוויי מאָל, אוביפראט, זאָג איכ, אז מיר האָבנ שוינ איצט אונדזער אייגנס א בעהיימע פונ פיר אונ צוואנציק גלעזער א טאָג; מאָרגנ, אימירצעשעמ, ברענג איכ זי צו פירנ, אנו, גאָלדע, — מאכ איכ צו איר נאָכדעמ, אונ כאפּ ארויס דעמ גאנצנ פּאק סיגנאציעס — אנו, זײַ א בעריע אונ טרעפ וויפל געלט האָבנ מיר דאָ?

איכ טו א קוק אפ מײַנ ווײַב — זי איז אויס מענטש, טויט ווי די וואנט, קאָנ קיינ וואָרט נישט אויסריידנ.

— גאָט איז מיט דיר, גאָלדע סערדצע, זאָג איכ, וואָס האָסטו זיכ אזוי דערשראָקנ? עפשער האָסטו מוירע, זאָג איכ, טאָמער האָב

איך דאָס געגאַנווּעט אָדער געגאַזלט? פע, זאָג איך, מענטש זיך שעמען! ביסט מעוויעט וויַיב שוין אזא צייט און קאָנסט אָפ מיר איבערטראַכטן אזא מייסע? גאַרעלע, זאָג איך, דאָס איז קאָשער געלט, פאַרדינט ערלעך מיט מיַין אייגענעם סייכל און מיט מיַין האָרעוואַניע; איך האָב, זאָג איך, מאַל געוועזן צוויי נעפּאַשעס פון א גרויסער סאַקאָנע, זאָג איך, ווען ניט איך, גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט מיט זיי געווען!..

בעקיצער, איך האָב איר דערציילט די גאַנצע מייַסע, פון אַלעם ביז טאָוו, וויאַזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפירט אַרום און אַרום; און מיר האָבן זיך גענומען ביידע איבערציילן דאָס געלט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — דאַרף איר געוועזן פונקט צוויי מאָל ח"י און איינס אָן איבעריקס, האָט איר א קיַימעלאָן, הייסט דאָס, פון זיבן און דריַיסיק קאַרבן!.. מיַינע האָט זיך אזש צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, זאָג איך, נאַרישע יידענע?

— וויאַזוי זאָל איך ניט וויינען, זאָגט זי, אז עס וויינט זיך? אז דאָס האַרץ איז פול, זאָגט זי, גייען די אויגן איבער. נאָט זאָל מיר שאַקע, זאָגט זי, אַזוי העלפן, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אז דו וועסט קומען מיט א גוטער בסורע. איך געדענק שוין ניט, זאָגט זי, די צייַט, ווען די באָבע צייטל, זאָל זיַין וויַיט אָפּגעשיידט, זאָל מיר קומען צו חלום. איך ליג און שלאָף, פּלוצעם חלומט זיך מיר א מעלקשעפל, א פולס, ווי אַן אויג; די באָבע צייטל, אָלעאַשאָלעם, טראָגט דאָס מעלקשעפל אונטערן פאַרטעך, מע זאָל חאָלילע ניט געבן קיין גוט אויג, און די קינדער שריַיען: מאַמע, מאָני!..

— כאַפּ נאָר ניט די לאָקשן פאַר שאַבעס, זאָג איך, נעשאָמע מיַינע; לאָז די באָבע צייטל האָבן א ליכטיקן גאַניידן, זאָג איך, ווייס איך נאָך ניט, צי מיר וועלן פון איר עפּעס האָבן; נאָר אז גאָט, זאָג איך, האָט געקאָנט טאָן אזא נעס, אז מיר זאָלן האָבן א בעהיימע, וועט ער מיסטאַמע זען, אז די בעהיימע זאָל זיַין א בעהיימע... גיב מיר בעסער אַן אייצע, גאָלדע סערדצע, וואָס טוט מען מיטן געלט?

— אדעראַבע, מאַכט זי צו מיר, וואָס רעכנסטו צו טאָן, מעוויע, מיט אזוי פיל געלט, קיין אַנדערע?

— אדעראַבע וועאדעראַבע, זאָג איך, וואָס, רעכנסטו, קאָנען מיר מאַכן, קיין אַנדערע מיט אזא קאַפּיטאַל? — און מיר האָבן ביידע גענומען טראַכטן אהין, אהער, דאָס, יענע, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, אויסגערעכנט ווי ערגעץ א געשעפט אָפ דער וועלט. יענע נאַכט האָבן מיר איבערגעהאַנדלט מיט וואָס איר ווילט: געקויפט פערדלעך א פּאָר

און באלד מאכע זיי פארקויפט מיט רעוואָכים; געעפנט א באקאליינע קלייט אינ בויבעריק, אויסגעפארקויפט די סכוירע און באלד געעפנט א שניטקראָם; געהאנדלט א שטיקל וואלד, געכאפט אָפּטריט-געלט עטלעכע קערבלעך און אנטלאָפנ; געפרווט אויסדרייגעג די אנאטעוועקער מאקסע, נעמענ דעם „פראָיעקט”, געמאכט א ביסל האלוואָע, אָפּגעגעבנ דאָס געלט אפ פראָצענט...

— מעשוגע מײַנע סאָנים! — רופט זיך אָנ מײַנ ווײַב — דו ווילסט צעפלעכטנ די עטלעכע גראָשנס, בלײַבנ מיטנ בײַטשל?

— וואָס דענ, זאָג איך, האנדלענ מיט ברויט און נאָכדעמ בלײַבנ אָנ אָנזעצער איז שענער? קארג, זאָג איך, ווערט הײַנט די וועלט בעדילאדאל פונ ווייצ? גיי, זאָג איך, האָרכ, וואָס אינ אָדעס טוט זיך!

— וואָס טויג מיר, זאָגט זי, אָדעס? מײַנע אָוועס-אווויסיינו זײַנענ דאָרט נישט געווענ און מײַנע קינדער וועלנ דאָרט נישט זײַנ, קאָלזמאנ איך לעב און די פיס טראָגנ מיר.

— וואָס-זשע ווילסטו? — זאָג איך.

— וואָס איך וויל? — זאָגט זי — איך וויל, זאָלסט ניט זײַנ קיינ לעקיש און נישט ריידנ קיינ נארישקײַטנ.

— אווארע, זאָג איך, ביסטו איצטערט א כאכאָמע, ווי זאָגט מענ: אז עס קומענ די מייעס, קומענ די דייעס, און אז מע איז עפשער רײַכ, איז מענ געוויס קלוג... ס'איז טאָמער אזוי!

בעקיצער, מיר האָבנ זיך עטלעכע מאָל צעקריגט און מאכע באלד איבערגעבעטנ, און עס איז בא אונדז געבליבנ דער פלאנ, מיר זאָלנ צו דער מאורע בעהיימע צוקויפנ נאָכ א בעהיימע א מעלקעדיקע, וואָס גיט מילכ...

וועט איר דאָכ מיסטאמע פרעגנ א קאשע: וואָס עפעס א בעהיימע, פארוואָס ניט קיינ פערד, וועל איך אײַך ענטפערנ: וואָס עפעס א פערד, פארוואָס ניט קיינ בעהיימע? בויבעריק איז דאָכ אנ ערטל, וואָס עס קומענ זיך צונויפ אהינצו אפ זומער אלע יעהופעצער נעגידימ אפ די דאטשעס, און אזויווי די יעהופעצער לײַט זײַנענ אלע זייער איידעלע מענטשנ, וואָס זײַנענ געצויגנ, מע זאָל זיי אלצדינג ברענגענ גרייטס, גלײַכ אינ מויל ארײַנ: פונ האָלצ און פונ פלייש און פונ אייער, הינער, ציבעלעס, פעפער, פעטרישקע — פארוואָס-זשע זאָל זיך ניט געפינענ איינער אזעלכער, וואָס זאָל זיך אונטערנעמענ ברענגענ זיי אלעמאָל אינ שטוב ארײַנ קעז און פוטער און סמעטענע אוקעדוימע? ווערליק די יעהופעצער האלטנ פונ דער אכילע און דאָס קערבל איז בא זיי, ווי זאָגט איר, א מאמזער, קאָנ מענ דאָכ לייזנ שיינ געלט און פארדינענ דערבײַ מאקע גראָב. דערי-

קער, אבי די סכוירע זאָל זײַנ סכוירע; אונ אזא סכוירע, ווי בא מיר, קריגט איר דאָכ ניט אינ יעהופּעצ אפילע. איכ זאָל האָבנ די בראָכעם מיט אײַכ אינײַנעם, וויפל מאָל גרויסע לײַט, קריסטנ, בעטנ זיכ בא מיר, איכ זאָל זיי ברענגענ פרישע סכוירע: „מיר האָבנ געהאָרכט, זאָגנ זיי, טעוועל, אז דו ביסט אנ אָרנטלעכער מאנ, כאָטש דו ביסט א ייִד, א פּארכ“... מיינט איר, פונ ייִדנ וועט איר האָרכנ אזא קאָמפּלימענט? ווי לאנג קרענקענ מײַנע סאָנים! קיינ גוט וואָרט הערט מענ נישט פונ אונדזערע ייִדעלעכ. זיי ווייסנ נאָר אַרײַנקוקנ יענעמ אינ טעפּל אַרײַנ. מע האָט דערזענ בא טעוויענ א בעהיימעלע אנ איבעריקס, א ברידשקע א נײַע, — האָט מענ אָנגעהויבנ ברעכנ זיכ די קעפּ: פונוואנענ אונ פונ וואָס? צי האנדלט נישט דער דאָזיקער טעוויע מיט פאלשע סיגנאציעס? אָדער צי קאָכט ער נישט קיינ ספּירט שטילערהייט, בישטיקע?.. „כא־כא־כא! ברענט אײַכ, ברידערלעכ, טראכט איכ מיר, די קעפּ געזונטערהייט!“.. איכ ווייס ניט, צי איר וועט מיר גלייבנ — איר זײַט קימאַט דער ערשטער, וואָס איכ האָב אײַכ דערציילט די גאנצע געשיכטע, וויאזוי אונ וואָס אונ ווענ... נאָר, מיר דאכט, איכ האָב מיכ א ביסל פארעדט. האָט קיינ פאריבל ניט, מע באדארפ אינזינענ האָבנ, ווי זאָגט איר, אייסעק, אָדער ווי אינ פּאָסעק שטייט: כל עורב למינהו — איטלעכער צו זײַנעמ. איר צו אײַערע ביכלעכ, איכ צו מײַנע טעפּלעכ אונ צו מײַנע קריגלעכ... איינ זאכ וועל איכ אײַכ בעטנ, פּאני: איר זאָלט מיכ כאָטש ניט אַרײַנשרײַבנ אינ א ביכל; אונ אז איר וועט מיכ אַרײַנשרײַבנ, זאָלט איר כאָטש ניט ארויסשטעלנ דעמ נאָמענ מײַנעמ... זײַט מיר געזונט אונ האָט אײַכ א גוטנ טאָמעד.

אויסטײַטשונג פונ פרעמדווערטער, ארכאַיזמענ און לאָקאַליזמענ

צונויפגעשטעלט — מ. הער

צו זײַט 3:

לאמנאצייאח אל האגיטימ — דער אָנהייב פונ א קאפיטל טילימ.

גיטימ — א פארצײַטיקער מוזיקאלישער אינסטרומענט. אָט דער פּאָ־סעק, ווי א סאכ אנדערע אינ טעוויעס מאָנאָלאָגנ האָט קיינ שומ שײַ־כעס ניט צומ אינהאלט פונ זײַנ דערציילונג. מערסטנטייל, איז עס סטאמ א מאניר צומ ארויסברענגענ אייגענע ווערטלעכ; אמאָל איז עס א רע־זולטאט פונ זײַנ אייגענעמ אומוויסנ, אמאָל — פונ דעמ פארלאנג צו ספּע־קולירנ בעקיוונ אפנ אומוויסנ פונ די מענטשנ, מיט וועמענ ער האָט צו טאָנ (צומבײַשפּיל, אינ דער דערציילונג „הײַנטיקע קינדער“: „ס'איז פאראנ, זאָג איכ, בא אונדז א געמאָרע... אונ האָק אימ ארײַנ א געמאָרע, איינע אונ די אנדערע. א נעכטיקנ טאָג“...) אינ געגעבענעמ פאל ווערט דער פּאָסעק געבראכט צוליב א ווײַטער קלאנגענ־אסאָציאציע: אל האגיטימ — אז סע גייט.

כאָלילע — א צושפרוכ, א באוואָרעניש, ווענ א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגנ א מעגלעכנ אומגליק־פאל.

אינ כאָכמע ועיינ אייצע נעגעד — געמיינט: ס'איז ניטאָ קיינ מיטל קעגנ...

סאָנע־ציִענ (געזאָגט געוואָרנ אפ) די פײַנט פונ ציִענ, די פײַנט פונ ייִדנ; א שאָוויניסטישער צושפרוכ, א באוואָרעניש, ווענ א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגנ א מעגלעכנ אומגליק־פאל.

רעוואכ וועהאצאָלאָ יאאמויד לײַהודימ — א פאר־לײַכטערונג אונ א רעטונג וועט קומענ פאר די ייִדנ.

דער פּשאט — די באדײַטונג.

קאָלזמאנ שעהאנעשאָמע בעקירבי — אזוי לאנג ווי די נעשאָמע איז אינ מיר.

ביטאָכנ — האָפענונג, זיכערקײַט.

דער אייבערשטער — געמיינט: גאָט.

ס'איז בענעמאָנעס קעדײַ — גלייבט מיר, עס לוינט.

נישמאס קאָל כײַ — געמיינט: יעדע לעבעדיקע זאכ.

צו זײַט 4:

בראָצקי — א רײַכער קיִעווער צוקער־פאבריקאנט באַם צאריזם.

קײן אײַנאָרע — קײן בײז אויג (זאָל ניט שאטן). א צושפרוך, א באַוואָרעניש.

טאַרגום — די קאנאָניזירטע אראַמישע איבערזעצונג פון טאנאך.

טילים — אײנער פון די ביכער פון טאנאך. א זאמלונג פון רעלי־גיעזער ליריק.

פירעק — קאפיטל. אזוי רופן זיך די קאפיטלעך („פראַקים") פון טאלמוד: געמײנט: א „פירעק" פון דעם טאלמודישן טראקטאט „אָוועס", וואָס מע זאָגט אין די זומערדיקע שאַבאָסים.

צו זײַט 5:

ווײל נישט ווײסן וואָס ראַשע מאַכט — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמײנט: ווײל פון גאָרנישט ווײסן.

טערעץ — אַן ענטפער אָדער א געלעגנהײט ארויסצודרײען זיך פון אַן ענטפער.

א זאָג אומעפארנעס לעקויל — א שפּײַזער פון אלעמען.

אברײַ קיבלויס האַקויל — נאָך אלעמען.

נאַ ליעוואָ קרוגאָם! — לינקס צוריק (א מיליטערישע קאָ־מאנדע).

„אונעסאַנע טויקעף" — א טפילע, וואָס מע זאָגט ראָשאַשאָנע און יאָנקיפּער.

מי יאָרום אומי יִשאָפּיל — ווער עס וועט דערהויבן ווערן און ווער עס וועט דערנידעריקט ווערן.

אַטאָ בעכאַרטאָנו — דו (גאָט) האָסט אונדז אויסדערווײלט. אַן אָנהײב פון א באַשטימטער טפילע. ס'איז די קלאַסישע פאָרמולירונג פון ייִדישן שאָוויניזם, אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז דאָס אויסדערווײלטע פון אַלע פעלקער.

ניסים וועניפלאָעס — ניסים און וואונדער.

וועהײַ האַיוים — געמײנט: אַמאָל.

מאַכשאָוועס — געדאנקען.

צו זײַט 6:

„באָסאָר וועדאָגים" — פלײש און פיש, געוואָלט זאָגן: „באָסאָר וועדאָם" — פלײש און בלוט, געמײנט: א מענטש.

מינכע — דאָס פאַרנאַכטיקע דאַווענען.

„שמוינע־עסרע" — אַכצן; א טפילע, וואָס אַנטהאַלט 18 בראָכעס, ווײַטער ווערן דאָ געבראַכט פראַגמענטן פון דער דאָזיקער טפילע. די דאָזיקע טפילע זאָגט מען שטײענדיק אויף אײן אָרט.

מעסעסאָטן — צום טײַוול. ווי דער טײַוול וואָלט עס געטאָן. גע־מײנט: ווי אָפּצולאָכעס.

עלויהײ אַווראָהאָם, עלויהײ יִצכאָק ועלויהײ יאַקויוו — גאָט פון אַווראָהאָם, גאָט פון יִצכאָק און גאָט פון יאַקויוו.

אמעד — דער שטענדער, פאר וועלכנ דער כאזנ דאוונט אינ בעטמעדרעש.

מעכאלקייל כאיימ בעכעסעד — ער שפײַזט די לעבעדיקע מיט גענאד.

אומעקאיעמ עמונאסו ליעשיינעי אפאר — אונ היט זײַנ טרײַהײַט צו די, וואס שלאפנ אינ דער ערד. געמיינט: די טויטע.

ריבוינע שעל אוילעמ — געמיינט: גאט.

רעיי נא בעאניעינו — זע צו אונדזער פײַנ.

רעפאעינו ווענערעפעי — היילט אונדז, אונ מיר וועלנ גע־היילט ווערנ.

בארייכ אליינו — בענטש אונדז.

„גאמ זו לעטויווא" — דאס איז אויכ צומ גוטנ.

צו זײַט 7:

וועלאמאלשינימ — אונ די מאסרימ. טעוויע פארטײַטש עס אפ זײַנ שטייגער: „די סטיקראטנ" (אריסטאקראטנ), וואס זאגנ, אז ס׳איז ניטא קיינ גאט אפ דער וועלט".

שויווער אויווימ — ער צעברעכט די פײַנט.

אָוו חאראכמאנ — דערבארעמדיקער פאטער.

שמא קוילייני — הער צו אונדזער שטימ.

כוס וועראכיימ אליינו — דערבארעמ זיכ אפ אונדז.

רעצוי — באוויליק, נעמ אנ פאר גוט.

א נעקייווע — א פרוי.

בעחיימע בעצורעס פערד — א בעהיימע איז געשטאלט פונ א פערד.

צו זײַט 9:

עס לאפנעט — עס פלאצט.

פיזמוינעס — געמיינט: פוסטע מײַסעס.

צו זײַט 10:

מעכײַע נעפאשעס — א קוויקונג פאר דער נעשאמע.

א מאשל קעכערעס האנישבאר — פארדרייט פונ „מאשול קעכערעס האנישבאר" — צוגעגליכנ צו א צעבראכנ שערבל, געמיינט: ס׳איז ניט קיינ מאשל, ס׳איז ניט קיינ גלײַכע זאכ.

טארגומ־לאשנ — די שפראכ פונ „טארגומ". אראמיש. אינ גע־געבענעמ קאנטעקסט געמיינט: אומפארשטענדלעכס.

צו זײַט 11:

האלאכ לעוילאמוי — אוועק, אינ זײַנ וועלט. געוויינלעכ געמיינט: געשטארבנ. אינ געגעבענעמ קאנטעקסט: אוועק.

מאכ א וואיווראכ — אנטלויפ.

פאשאל — אוועק.

קויעכ האדאמ — די קראפט פונ בלוט, דער טעמפעראמענט; גע־

מיינט: דער קויעכ־האדימיענ — די אינגבילדונג־קראפט, די פאנ־ טאזיע.

וואיסו מירעפידים — אונ זיי האבנ אפגערוט פונ רעפידים. ס׳איז א פאסעק פונ כומעש. דא געמיינט: געלאזנ זיכ פארנ.

האכילויסאליינפויל — האסטו אנגעהויבנ פאלנ. ס׳איז א פאסעק פונ דער „מעגילאס עסטער“.

מאיאקאר — ווי טייער?

סאוועסט — געוויסנ.

זאקאנ — געזעצ.

בעראכל ביטכא האנאקעטע — אנ איראנישער פאראפראז פונ „בעראכל ביטכא האקטאנע“ (פאר ראכלעס דיינ קלענערער טאכטער). אזוי ווערט דערציילט אינ דער ביכל, ווי יאקויוו האט אפגערעדט מיט לאוואנענ. דא געמיינט: פינקטלעכ, גענוי.

צו זייט 12:

שטשע ניע פוימאוו, א וזשע סקובע — נאכ ניט געכאפט, אונ פליקט שוינ.

מינהאצאד — פונ דער זייט.

אלאפימ — טויזנטער.

צו זייט 13:

מיע עלעפ — 100.000.

רויש אלאפימ — 200.000.

א גאנצער „יא טעביע דאמ“ — געמיינט: א גאנצער מאכער.

מיט א יערוגזנ (יירגאזנ) — מיט א געפילדער מיט טראסק.

צו זייט 14:

אנ אשוימער — אנ א היטער.

סאסנ ווע־סימכע — א גרויסע פרייד.

בענטשנ גוימל — זאגנ א געוויסע בראכע, וואס איז באשטימט פאר די, וועלכע זיינענ געראטעוועט געווארנ פונ אנ אומגליק־פאל.

נאסטויקעס — שנאפסנ, ליקערנ.

איילערעכ־אפאימ — גאט דער געדולדיקער.

מאקעס־פכוירעס — אינ געגעבענעמ קאנטעקסט געמיינט: מא־ קעס, צארעס.

אוואדימ האיינו — מיר זיינענ געווענ קנעכט; דער אנהייב פונ דעמ „טערעצ“, וואס ווערט געגעבנ אינ דער פייסעכדיקער האגאדע נאכ די פיר „קאשעס“ (פראגעס).

עמונע — גלויבנ.

כאסיד עשאלעמ — דאס זעלבע וואס „כאלילע“ זע די באמערקונג צו זייט 3.

ברוכים האויושווימ — געבענטשט זײַנענ די, וואָס זיצנ, גע־
מײנט: עסט געזונטערהײט; א חינטשעניש.

צו זײַט 15.

אײזע „לעבאָנימ" ועעיזע לאמאָוועס — ווע‌מענ צומ לעבנ אונ ווע‌מענ צומ טויט. „לעבאָנימ" איז אויב א ווינטשעניש באַמ נעמענ א קויסע.

מאכטראשע — (זע באמערקונג צו זײַט 3). ראשע פארטײַטשט, דערקלערט. בא טעוויענ איז עס א מאניר צומ ארויסברענגענ זײַנע אײגענע „טײַטשנ".

מאשמויכעני? — ווי הײסט איר?

האמאווידיל בײנ קוידעש לעכויל — דער, וואָס אונטער־שײדט צווישנ חוליקס (שאבעס אונ יאָנטעוו) אונ וואָכעדיקס. אינ טע־וויעס „פארטײַטשנ" באקומט זיכ א גראמ: לעכויל—וויל.

בימקוימ שעינ איש — ווו ס'איז ניטאָ קײנ מענטש. בא טעוויענ באקומט זיכ א גראמ: איש — פיש.

אָלאָ־ויהאשאָלעמ — א צושפרוכ, ווענ א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגנ א טויטנ.

שעהאקויל ניהעיע בידוואָרוי (געווײנלעכ קורצ: „שעהאקויל") — די בראָכע, וואָס מענ מאכט אפּ געטראנקענ. מע מאכט „שע־האקל" — געמײנט: מע טרינקט אויס.

פונ קאָל האמוינימ שעהו — געמײנט: פונ קאָל האמוינימ — פונ אלצדינג.

צו זײַט 16:

ספאָטיקעט זיכ — ווערט געשטרויכלט.

צו זײַט 17:

קויפל קיפלאָיִמ — געמײנט: פיל מאָל אזויפיל.
זשעברע — געמײנט: קלײַב, זאמל.
א מאורע בעהײמע — א בעהײמע, וואָס גיט ניט קײנ מילכ.
זאטירקעס — קליסקעלעכ פונ צעריבענע קארטאָפל.
בובענצעס — (בובצעס) — קלעפּ.
ועהאיעלעד אײנענו — אונ דאָס קינד איז ניטאָ.

צו זײַט 18:

„בעורע" — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמײנט: שוידימ.
בײַעראָע — א בײזע בײַע.
„מעלעכ עליונ" — א פראגמענט פונ דער יאָמימ־נוראָימדי־קער ליטורגיע.
בעגילופנ — פארקנאקט, שיקערלעכ.
ווי א מוזמער — ווי א ליד.

צו זײַט 19:

די טויכעכע — א געוויסע פארשע אינ כומעש, וואס אנטהאלט א סאכ קלאלעס. **לייענענ די טויכעכע** — אינ געגעבענעמ קאַנ־טעקסט געמיינט: שילטנ, פלוכנ.

שלוימע האמעלעכ — לויט דער ביבל א קיניג פונ ייִסראָעל אימ ווערט עס צוגעשריבנ דער ביבלישער בוכ „קויהעלעס", וואס זײַנ אווי־טער זאָגט, אז „צווישנ טויזנט ווײַבער"... אאוו.

וואיויכלו — אונ זיי האבנ געגעסנ.

אנארעמ מאָלצײַט — א מאָלצײַט פאר אָרעמע לײַט אפ א גווי־רישער סימכע.

סיגנאציעס — אסיגנאציעס, פאפיר־געלט.

צו זײַט 20:

קאָשער געלט — געמיינט: ערלעכ געלט.

מאצל געווענ — געראטעוועט.

פונ אלעפ ביז טאָוו — פונ אנהייב ביזנ סאָפ.

כײַ (ח״י) — 18.

א קעמעלאָנ — א סאכאקל.

צו זײַט 21:

די טאקסע — די קאָראָבקע דער שטײַער אפ „קאָשער" פלייש. דער דאָזיקער שטײַער פלעגט אָפגעגעבנ ווערנ אינ ארענדע אונ דער ארענדאטער פלעגט נאָכדעמ ארויספרעסנ דעמ שטײַער בא דער ייִדישער (באזונדערס בא דער אָרעמער) באפעלקערונג.

נעמענ דעמ „פראָיעקט" — אפדינגענ די, „קאָראָבקע", די טאקסע.

צעפלעכטנ די גראשנס — געמיינט: צעטרענצלענ.

בעדאל האדאל — פאראָרעמט.

מײַנע אָוועס אוויסײנו — מײַנע עלטערנס עלטערנ.

מייעס — הונדערטער.

אוקעדוימע — אונ דאָסגלײַכנ.

צו זײַט 22:

די בראָכעס — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: גליקנ.

בישטיקע — שטילערהייט.

אויסעק — געשעפט.

קאָל אזירעוו לעמינייהו — יעדער ראָב צו זײַנ מינ ס'איז א פאָסעק פונ כומעש.

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע, סטאַראָפּאַנסקי געסל, נומ. 1

נאָרוואָס דערשינענ און געפינט זיך אינ פאַרקויפ:

„סאָוועטיש“

(אַלמאַנאַכ) צווייטער בוכ

אינהאַלט:

1. ד. בערגעלסאָנ — באַם דניעפּער.
2. אי. קושניראָוו — דער אורטייל קומט.
3. ה. דאָבינ — טונזע.
4. ש. האַלקינ — אַפ בירעבידזשאַנער סאָפּקעס.
5. ד. קליאַצקינא, מ. ליסאַק — אופלי.
6. ב. מילער — גאָלד.
7. פּערעצ מאַרקיש — אָנפאַנג אַפּנ דניעפּר (פּאָעמע).
8. ש. גאָדינער — די הוטע.
9. ש. ראָסינ — לידער.
10. מ. ווינער — באַם מיטללענדישנ יאַמ.

צום 15-יאָריקנ יובליי פונעמ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאַטער

11. א. כאַשינ — דער שעקספּיר וועג פונ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאַטער.
12. י. נוסינאָוו — XV יאָר.
13. פּערעצ מאַרקיש — מיכאָעלס און די יידישע קלאַסיקער.
14. א. גורשטיינ — זוסקינ דער אַרטיסט.
15. י. דאָברושינ — די פרויענ-געשטאַלט אינ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאַטער.
16. מ. ליטוואַקאָוו — אורקוואַלנ.
17. י. דאָברושינ, פּערעצ מאַרקיש — אַקטיאָרישע וועגנ.

פּרייז 7 ר.

באַשטעלונגענ שיקנ לויטנ אַדרעס:

Москва, Старопанский пер. № 1,
Изд-во „Дер Эмес“

פארלאג
„עמעס"
מאָסקווע, סטאראָפאנסקי
געסל, נומ. 1

נאָרוואָס דערשינענ אונ
געפינענ זיכ אינ פארקויפ:

איזי כאריק

קײַלעכדיקע וואָכנ

158 זײַטנ. פרײַז מיטנ אײַנבונד 5 רובל.

פערעצ מארקיש

דעמ באַלעגופס טויט

(אנשל זאליאזניק)

232 זײַטנ. פרײַז מיטנ אײַנבונד 7 ר. 20 ק.

מיט באשטעלונגענ זיכ ווענדנ:
Моc..ва, Старопанский пер., № 1,
Изд-во „Дер Эмес".

Редактор А. Фрумкин, Техн. ред. М. Погостер. Корректор И. Рабкин. Сдано в набор 3/III—35 г. Подписано к печати 23/IV—35 г. Форм. 82 × 110 1/32 2 п. л. Уп. Главлита Б—4223. „Эмес" № 39а. Тираж 8·000 Зак. 298

Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9.